צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

ל. קוויטקא




צייכנונגען י. ריבאק

6109/

01-B9273

13| 6109

ל. קוויטקאָ

# מע שליסט אויס דערפאַר

צייכנונגען: י. ריבאַק

FR:N D in U.S.S.R.

6109

„קניהאספילקא“

(8924 — 93.)

Перша Друкарня
Державного Видавництва України
імени Г. І. Петровського
Харків

Укрголовліт № 551к, 193. Зам. № 1122. Тираж 3000.

## ארל און שוילקע

שנעלער, איינס, שנעלער, צוויי, —
שוילקע, אַרל. נאָך דער ריי!
פלינקער, פלינקער טופּ, טיפּעקל!
הענטלעך, פיסלעך בײַזן פּיפּעקל!..

קאָמסאָמאָל איז גאָר פונפאָרנט
און פונפאָרנט אויך די כאָרן,
ראַדיעס רעדן גרויסע רייד,
מע פארשטייט זיי קליינערהייד!

אַרל איז נאָך אינם אַכטן, —
ניין, נאָך ניט קיין פּיאָנער, —
שוילקן קאָן מען שוין באַטראַכטן
ווי קימאַט א פּיאָנער.

אָך, ער יאָגט אין יאָרן, שוילקע,
באַלד שוין קריגט ער א פּאַטשיילקע
און מע נעמט אים צו אין כאָר.

פלינקער, אַרל, טופּ, טיפּעקל!
הענטלעך, פיסלעך בײַזן פּיפּעקל —
נו, דריאָג שוין
שוילקעס יאָר!



# נאָכן מאַרשירן

נאָך די לידער, מאַרשן, — מיד,
שלעפּערט שוילקען, שלאָפן ציט, —
וואַרפט ער זיך אַגידער.
בּריינגט אים ווינטל צו דער נאָז
פרישן אָוונט, פאַרטיק גראָז,
דאכט זיך אים, ער וואכט שוין ווידער.

און אים דאכט, ער נעמט אַ שטעקן,
די פאַטשיילקע מיט די עקן,
און ער שפאַנט איבּער לאַנד. —

שטעט, בּולוואר און פאַבּריקן
קאָרן־פעלדער בּליען, קוויקן,
און ווי בּלומען שטייען וואַך
ליכטיקע אָקטיאַבּערלאַך.

— ווען באוואכט איר. כעוורעלאַקעס,
צי די קוימענס, צי קאבאקעס?
שפּרינגט א יאטל פריילעך צו: —
— וואָס, דו ווייסט ניט? — אַך, דו —

ס'איז פאַריאָגט פון לעכער, דעכער, —
גאָט און זיין גאָטעכע!
היטן לאַנד און שטייען וואַך
ליכיטקע אָקטיאַבּערלאַך!








ס'איז מישעס ארבעט.

# מע שליסט אויס דערפאַר

מישען

מישע איז אין פערטן פּיאָנערן־רינג באַם קלוב „קאָמפּאַן".
ער אַרבעט זייער פיל פאַר דער וואַנט־צייטונג.

— זעט, ס׳אַרא שיינע שפּיל פון פאַרבן!

— ס׳אַרא באַוועגלעכקייט אין די בילדער!

ס׳איז מישעס אַרבעט – ער שרייבט און צירט און אילוסטרירט. אָט איז א קעפּל פון א ניי אַרטיקעלע זיינס: „ווי ווערט אָנגעפירט אַ טראַמוואַי". אָט־אָ־דעם באַרג אַראָפּ און דעם פולן וואַגאָן מיט פּאַסאַזשירן, וואָס אײַלן צו דער אַרבעט און דעם פעסטן קאָנדוקטאָר, וואָס פאַרהאַלטעט, — ס׳האָט מישע עס געצייכנט.

די לעצטע טעג גייט ער פון דער שול גלייך אין קלוב און מיטאָג צו עסן פאַרגעסט ער. די מאַמע בייזערט זיך: „מוז מען וואַרטן מיטן מיטאָג?" און איז גערעכט. יעדער אַרבעט האָט זיין צייט.

נאָר מישע איז ניט צופרידן מיט דער אַרבעט אין פערטן רינג. באַלד נאָך מיטאָג זעצט ער זיך שרייבן. דעם קאָפּ איבערן פּאַפּיר און אויסיעס דרייען זיך ווי אַרבעס.

די מאַמע גייט דורך און לייענט איבער:

## „מעלדונג

כ׳בעט מיך איבערפירן פון 4־טן רינג אין 3־טן רינג, ווייל אין 4־טן האָב איך שוין אַלץ אויסגעלערנט און קאָן זיך שוין ווייטער ניט אַנטוויקלען

אונטערשריפט: פּיאָנער פון 4-טן רינג, מישע".

דער 4-טער רינג האָט אים טאַקע ניט געוואָלט אָפּלאָזן, ווייל ער איז פון די אַקטיוויסטע, נאָר דער 3־טער האָט אים אָנגענומען און דער פירער האָט אים דערלויבט. איז מישע פריילעך.

אָט זעט די מאַמע דורכן פענצטער, ווי מישע שפּילט זיך מיט וואַניען, וואָלאָדיען און נאָך אַזוינע שנעקן, אָקטיאַבערלעך אַזוינע. אָט־איז




זאָל דער אעראפּלאַן זיך האָבן וואו אפּצושטעלן.

אפן טראַטואַר שוין אָנגעצייכנט דער פלאַן פון לייען־שטוב: דער לאַנגער קוימען איז אומיסטן געמאַכט אזוי לאנג, ווייל אז ס׳וועלן קומען צופליען פון אפריקע אָדער פון טשעכאָ־סלאָוואַקיע די ארבעטער־דעלעגאטן זאָל דער עראפלאַן זיך האבן וואו אָפצושטעלן. פונם קוימען פירן גלייך צוויי לייטערס אף ביידע זייטן שטוב. פון איין זייט קאָן מען גיין צום ברייטן פלאַץ, וואו דער לענין־דענקמאָל שטייט: אַ גרויסע מאסע באפרייטע ארבעטער הויבן פריילעך אין דער הויך דעם כאווער לענין. ארום פלאַץ ציען זיך קארן־קאמערן, אַמבאַרן און ווארשטאטן מיט אַל־דעם גוטס.

מיטן לייטער פון דער צווייטער זייט שטוב קאָן מען קומען גלייך צום טויבן־שלאַק, אז מע קוקט זיך גוט איין זעט מען אז אין טויבן־שלאַק, איבער די קעפּ פון די טייבעלעך, האלט זיך אין אויסצירן א לענין־ווינקל.

מישע מיט וואניען קומען אריין און מישעס מוטער שמייכלט.

– וואו לערנסטו, וואניע? – פרעגט מישעס מוטער.

– איך לערן נאך ניט, איבעראיאר וועל איך אָנהויבן לערנען אַף רויטן קאמאנדיר. אָט גיי איך מײַן מאמען זאָגן.

מישע און זיין מאַמע שמייכלען.

– זעסטו, מישע, און דו שפּילסט זיך מיט אַזוינע שנעקלעך. ער קאָן דאך קוים די טיר עפענען.

מישע האלט אינמיטן בויגן א פרוזשינעלע פון שטייפן דראָט, ווייל דעם ראדיאָ, וואס ער מאַיסטערט פון קאַרטאָן, פעלט אזא פרוזשינעלע.

ער לייגט אוועק דאס דראָטיקל און זאָגט:

— הער, מאמע, איך כידעש זיך, פארוואָס האסטו פאַרגעסן אין אָט־אָ־דער פאַטשיילקע, וואָס איך טראָג אַפן האַלדז. ווייסטו דען ניט, וואָס אָט־די דריי עקן באַדייטן? — אָט־די צוויי עקן, וואס זיינען מיר אפן האַרצן פאַרקניפּט, איז קאָמיוג מיט פיאָנער. זיי גיבן זיך די הענט אף העלפן איינס דעם צווייטן, אַף זיין שטענדיק גרייט צום באַפעל פון אונזער פאַר־טיי. און דער דריטער עק הייסט, אז אונז פירט און היט דער קאָמוניסט.

– וואָס־זשע קער זיך עס אָן, מישע, אָט מיט די שנעקלאך?

– וואָס הייסט, מאמע, אַוואַדע דארפן מיר פיאָנערן גיבן די הענט די אָקטיאַבערלעך, ווייל זיי זיינען אונזער פערטע וואַך. כעוורע האט היינט דערציילט, אז פון דער פיאָנערן־מאַכנע באַם קלוב „קאָמינטערן" האט מען אויסגעשלאָסן א פיאָנער, ווייל ער איז גראב געווען מיט אָקטיאַ־בערלעך. זיך מיט זיי ניט געשפּילט. און גוט האט מען געטאָן! די אָקטיאַ־בערלעך זיינען דאָך אונזער פערטע וואַך! ווילסטו, מאמע, מע זאל מיך אויך אויסשליסן?!

ЦІНА 25 КОП.
פרייז 25 קאפ.

Л. КВІТКО

КНИЖКА ПІОНЕРІВ

„МЕ ШЛІСТ ОЙС ДЕРФАР“

Малюнки І. Рибака